# פולע טאַבעלעז פון דער מלוכה-לאָטעריע — זעה 9 זייט


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען


# נייער פאָלקסבלאַט


№ 226 | Łódź, Sroda 30 września 1931 r. | נײַנטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך י״ט תשרי תרצ״ב | № 226

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71


# א פערפלייצונג הינטער וואַרשא

## אפילו אין צענטער-שטאָט זענען טיילווייז פערפלייצט די בולוואַרען

וואַרשאַ, 29 (טעלעפאָניש). בעת דער פערפלייצונג הינטער קראָקאָ אין שוואַכער געוואָרען, ווערט איצט וואַרשאָ בעדראָהט פון א פערפלייצונג.

דאָס וואַסער אויף דער ווייסעל איז שוין איבערגעשטיגען 4,70 איבער דעם נאָרמאַלען מצב.

די סכנה פון א פערפלייצונג וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

גאַנץ פעלצאָוויזנע איז פערגאָסען געוואָרען, פערפלייצענדיג דעם מאָדלינער שאָסעי.

פאַטאַק און מאַרימאָנט שטייען שוין אויך אונטער'ן וואַסער. דאָס זעלבע — אין לאָזשענקי-דאָלנע.

דער שטח פון דער פערפלייצונג האַלט אין איין וואַקסען.

אין צענטער-שטאָט איז שוין דאָס וואַסער טיילווייז צוגעקומען צו די בולוואַרען, פערגיסענדיג אַלע פליאַזשעס.

אין די אָוונד-שעה'ן האָט זיך פערזאַמעלט דער הילפס-קאָמיטעט פאַר די פערפלייצטע.

די זיכערהייטס-מאַכט האָט אָנגענומען ענער-גישע שריט, כדי צו שיצען וואַרשאָ פאַר די רע-זולטאַטען פון א פערפלייצונג.

די טייך-פאָליציי אַרבייט אָהן איבעררייס. עס זענען מאָבּיליזירט אַלע שיפען און רעטונגס-שיפלעך. עס ווערען שנעל צוגעפיהרט זעק מיט זאַמד, ביז 10 אָוונד האָט מען געבראַכט אַזעלכע 30 טויזענד זעק.

וואַרשאַ, 29 (פאַט). היינט איז דאָס וואַסער אין ווייסעל בעדייטענד געשטיגען, און האַלט ווייטער אין איין שטייגען.

אין משך פון די לעצטע טעג האָט זיך דאָס וואַסער געהויבען מיט 350 צענטימעטער העכער פאַר'ן נאָרמאַלען צושטאַנד.

די גידריג-ליגענדע בולוואַרען ביים ווייסעל זענען פערגאָסען געוואָרען.

# ווידער צוויי באַנק-באַנקראָטען

## איינער אין דער שווייץ און דער צווייטער — אין פראַנקרייך

ציריך, 29 (ספ. טעל.) די צענטראַלע פון דער בערנער פאָלקס-באַנק האָט פונאַנדערגעשיקט א צירקולאַר צו אַלע פראָווינציעלע אָפטיילונגען מיט'ן אויפטראַג אָפצושטעלען די אויסצאָהלונגען.

א צווייטער צירקולאַר, וואָס איז ארויסגע-שיקט געוואָרען מיט א שעה שפעטער, בעפולמאַכ-מעכטיגט די פראָווינציאָנעלע אָפטיילונגען, אויסצו-צאָהלען 80 פראַנק אויף יעדע פערזאָן.

דער באַנקראָט פון דער „פאָלקסבאַנק", וועלכע האָט שטענדיג גענאָסען פון'ם פולסטענדיגן צוטרוי פון דער קליענטור, האָט געמאַכט אין דער שווייץ א דערשיטערענדען רושם.

פאַריז, 29 (טו) אַן'אַנגעזעהענע באַנק אין ריימס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1850, און האָט געשפילט א גרויסע ראָלע אינ'ם לעבען פון ריימס, האָט מאָנטאָג געמוזט אָפשטעלען איהרע צאָהלונגען.

—=):o:(=—

# א שרפה איז ווילנער גאונס קלויז

## פערברענט געוואָרען א סך זעלטענע ספרים

ווילנע, 29. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספאָנדענט) נעכטען איז אין דעם ווילנער גאון'ס קלויז, אינ'ם שול-הויף אויף דער דייטשער גאַס אויסגעבראָכען א גרויסע שרפה.

דאָס פייער האָט מאָמענטאַל ארומגעכאַפט די ווערטפולע ביבליאָטעק מיט זעלטענע ספרים.

פייערלעשער האָבען תיכף לאָקאַליזירט, אָבער מיט'ן פייער זענען דאָך אַוועק א סך אַלטע ספרים פון א קאָלאָסאַלען מוזעאַלישען ווערט.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז די שרפה איז ענטשטאַנען, מחמת אַן'אומפאָרזיכטיגען בעגיין זיך מיט פייער.

דערווייל האָט פאָליציי פער'חתמ'עט דעם קלויז, ווייל ס'איז דאָ א געפאַהר, אז דער דאַך וועט איינפאַלען.

# אויפגעריסען 2 צוגען מיט זעלנער ביי לעניגראַד

ריגע, 29 (פאַט) די לעטישע צייטונגען מעלדען וועגען א גרויסער עקספּלאָזיע, וואָס איז געשעהען אויף די מאַנעוורעס פון דער סאָוויעטישער אַרמעי.

דער צוג, וואָס איז געגאַנגען פון לעניגראַד איז אויפגעשפרונגען אין דער לופט צוזאַמען מיט'ן טראַנספּאָרט זעלנער.

גלייכצייטיג קומען אָן ידיעות וועגען נאָך אַזא אויפרייס.

מען איז זיך משער, אז אין ביידע פעלען שטעקט א פערברעכערישע האַנד פון אַטענטעטער.

פערזאָנען, וועלכע זענען אָנגעקומען פון לע-נינגראַד דערציילען, אז דאָרט הערשט א שטאַרקע נידערשלאָגענקייט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַטענ-טאַטען.


דעם 29-טען סעפּטעמבער 1931 איז נאָך לאַנגע שווערע ליידען געשטאָרבען

נ. ע. טוביה ביאַלער

בירגער פון דער שטאָט לאָדז

פרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט פון דער באַנק קופּיעצקאָ-קרעדיטאָווי ספּ. אין לאָדז

אין פערשטאָרבענעם פערלירען מיר אַנ'עדעלען פיהרער פון נישט דורכשניטליכע מעלות, גייסט און כאַראַקטער, וועלכער האָט געהערט צו די אונערמידליכע שעפער פון אונזער אינסטיטוציע און האָט זיך ערוואָרבען בעדייטענדע פערדינסטען פאַר'ן וואַוקס און ענט-וויקלונג פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע.

דאָס ליכטיגע געשטאַלט פון פערשטאָרבענעם וועט שטענדיג זיין געבונדען מיט אונזער אינסטיטוציע און וועט פערבלייבען נישט פערגעסען אין אונזער דאַנקבאַרען זכרון!

דער ראַט, פערוואַלטונג און דירעקציע

פון דער באַנק קופּיעצקאָ-קרעדיטאָווי ספּ. אין לאָדז.

דעם 29-טען סעפּטעמבער 1931 איז נאָך לאַנגע שווערע ליידען געשטאָרבען

נ. ע. טוביה ביאַלער

בירגער פון דער שטאָט לאָדז, פרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט פון דער באַנק קופּיעצקאָ-קרעדיטאָווי ספּ. אין לאָדז

דער פערשטאָרבענער א דאַנק זיינע אומגעוועהנליכע מעלות פון האַרץ און גייסט וועט בלייבען ביי אונז א מוסטער און זיין אָנדענק וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשען ווערען און מיר וועלען זיך בעמיהען אין הסכם מיט די ערהאַבענע און אידעלע פרינציפּען פון פערשטאָרבענעם. כבוד זיין אָנדענק!

די אָנגעשטעלטע פון באַנק קופּיעצקאָ-קרעדיטאָווי ספּ. אין לאָדז

